**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט גייסטישע געזונטהייט אינוועסטירונגען צו ארבעטן מיט ניו יארקער וואס זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם**

***בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 אינוועסטירט 33 מיליאן דאלאר צו צושטעלן נויטיגע שטיצע פאר מענטשן מיט א היסטאריע פון גייסטישע קראנקהייט און פון זיך נישט ווענדן געווג פאר באהאנדלונג***

***בודזשעט לייגט צו 200 בעטן ביי סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע אנשטאלטן אריינרעכנענדיג 25 בעטן פאר פאציענטן וואס זענען טייל פון אן אנגייענדע אויספארשונג און 75 'אריבערגאנג אהיים' בעטן***

***בויט ארויף אויף לאנד'ס-פירנדע 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו טראנספארמירן ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אן אינוועסטירונג פון מער פון 33 מיליאן דאלאר אין די סטעיט'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט און זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם. דורכאויס א באזוך צו די מידטאון קאמיוניטי יוסטיץ צענטער ( Midtown Community Justice Center) אין מאנהעטן, האט די גאווערנער איבערגעשמועסט וויאזוי די פינאנצירונג וועט העלפן זיכער מאכן אז מענטשן מיט א פארגאנגענהייט פון גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג, זיך נישט געגוג ווענדן פאר- אדער מיטארבעטן מיט- באהאנדלונג אדער אנדערע גייסטישע געזונטהייט זארגן זאלן קענען פארבינדן ווערן מיט נויטיגע סערוויסעס און שטיצע און זעהן בעסערע תוצאות.

"די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 נעמט זיך מיטן פולן קראפט צו ניו יארק'ס פארפליכטונג צו פובליק זיכערהייט דורכן שטיצן מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייט וועלכע זענען אויך אין די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער צו פילן זיכער ווען זיי גייען אראפ די גאס, נוצן די טראנספארטאציע סיסטעמען און זענען ממשיך זייערע טעגליכע לעבנס. דורכן אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט, זעצט ניו יארק פאר צו העלפן מענטשן טרעפן סטאביליטעט און פרידן בשעת'ן מאכן גאנצע קאמיוניטיס זיכערער."

גאווערנער האקול האט באזוכט די יוסטיץ צענטער – א טייל פון די 'צענטער פאר יוסטיץ מאדערניזירונג' (Center for Justice Innovation) אין די מאנהעטן 'מיסדימינער' גייסטישע געזונטהייט געריכט – צו באקומען א בעסערע בליק אויף די גייסטישע געזונטהייט געריכט סיסטעם און צו זעהן פלעצער וואס פלעגן גענוצט ווערן צו האלטן מענטשן און וואס וועלן פארוואנדלט ווערן צו זיין נייע אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס פאר מענטשן וואס גייען אריבער שווערע גייסטישע קראנקהייט. די מידטאון

קאמיוניטי יוסטיץ צענטער ארבעט פון די נאענט מיט די מאנהעטן 'מיסדימינער' גייסטישע געזונטהייט געריכט צו פארבינדן מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן מיט באהאנדלונג, האוזינג און אנדערע שטיצע מאסנאמען — אפט אלס אן אלטערנאטיוו צו די טראדיציאנאלע וועג פון אנקלאגן מענטשן פאר מינדערוויכטיגע פארלעצונגען.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) קאמישאנער, דר. ען סאַליוואן, האט געזאגט,** "צו אפט געשעהט אז מענטשן וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט און וועלכע זענען פארפלאנטערט געווארן מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם באקומען נישט די נויטיגע שטיצע זיי צו העלפן ארויפגיין אויף די וועג צו ערהוילונג. די פינאנצירונג אריינגעלייגט אין די בודזשעט וועט העלפן ארויסבויען די שטיצע און צושטעלן קריטישע באהאנדלונג סערוויסעס צו העלפן די מענטשן זיך ערפאלגרייך ערהוילן אין די קאמיוניטיס וואו זיי וואוינען. גאווערנער האקול'ס אנגייענדע קאנצענטראציע אויף דאס אויסברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט פאר אלע ניו יארקער לייגט אוועק די יסוד פאר פארבעסערטע תוצאות און טראנספארמאטיווע טויש אריבער אונזער סטעיט."

**הויפט ריכטער, געעהרטער ראָוען ד. ווילסאן, האט געזאגט,** "איך בין אויסערגעווענטליך דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די גייסטישע געזונטהייט פון ניו יארקער וואס מוטשענען זיך און פאר אירע צוזאמענארבעטנדע באמיאונגען מיט די פאראייניגטע געריכט סיסטעם צו ערגרייכן די מטרה. איר אויסוואהל צו אפהאלטן די היינטיגע אנאנס ביי די מידטאון קאמיוניטי יוסטיץ צענטער איז מער פון בלויז סימבאליש — עס טוט ווידערהאלן אונזער שותפות צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייטן וואס שטייען פאר אונז ווירקזאמערהייט און מיט מיטגעפיהל."

די 33 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וואס איז אריינגעלייגט געווארן אין די [דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025] וועט העלפן זיכער מאכן אז מענטשן וואס זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם וועלכע האבן א פארגאנגענהייט פון גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג, זיך נישט גענוג ווענדן פאר- אדער מיטארבעטן מיט באהאנדלונג אדער פארבינדענע זארגן האבן צוטריט צו אן ארומנעמיגע סיסטעם פון גייסטישע געזונטהייט קעיר און די שטיצע סערוויסעס וואס זענען נויטיג פאר ערהוילונג. די פינאנצירונג וועט אויך העלפן די מענטשן זיך צוריקקערן צו זייערע אייגענע קאמיוניטיס פאר קעיר ווען אימער מעגליך.

די פינאנצירונג רעכנט אריין 8.2 מיליאן דאלאר צו אריינשטעלן 'גייסטישע געזונטהייט באגלייטער' צו אידענטיפיצירן אנגעקלאגטע מענטשן וואס האבן א פארגאנגענהייט פון גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג, זיך נישט גענוג ווענדן פאר- אדער מיטארבעטן מיט- באהאנדלונג אדער אנדערע גייסטישע געזונטהייט זארגן. די ספעציאליסטן וועלן דאן ארבעטן מיט שותפים אין די קאמיוניטי, אריינרעכענענדיג לאקאלע פראָווײַדערס, צו ווייטער שיקן מענטשן פאר באהאנדלונג און סערוויסעס. פילע פון די באגלייטער וועלן זיין אזעלכע וואס האבן אייגענע איבערגעלעבטע ערפארונג און וועלן זיין גוט אויסגעשטאט צו העלפן אנדערע טרעפן די שטיצע וואס קען זיי העלפן זיך ערהוילן.

די בודזשעט טיילט אויך צו 14.6 מיליאן דאלאר צו פארבעסערן און אויסברייטערן ספעציאליזירטע 'פארענזישע אסערטיוו קאמיוניטי באהאנדלונג' (Forensic Assertive Community Treatment) מאנשאפטן וועלכע וועלן זיין וויניגער איבערגעשטרענגט און קענען צושטעלן אינטענסיווע שטיצע פאר מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן. דאס וועט ערלויבן די מאנשאפטן צו אנהאלטן אן אנגייענדע קשר מיט די מענטשן און זיי פארבינדן מיט קעיר און האוזינג, זיכער מאכן אז זיי האלטן זיך צו זייערע מעדיצינען און באהאנדלונג פלענער און אזוי אויך וועלן זיי שטיצן די אנטוויקלונג פון סקילס פאר דאס לעבן.

אין צוגאב, אינוועסטירט די בודזשעט 4.3 מיליאן דאלאר צו בויען צייטווייליגע אריבערגאנג הייזער פאר מענטשן וואס ווערן געשיקט צו באקומען אזעלכע סערוויסעס דורך די געריכט סיסטעם. נאך 2.8 מיליאן דאלאר וועט צושטעלן האוזינג און שטיצע פאר מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייט וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט אדער זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם.

צו שטיצן מענטשן וואס זענען פלאצירט אין א פסיכיאטרישע אנשטאלט פאר באהאנדלונג, רעכנט די בודזשעט אריין פינאנצירונג פאר 200 נייע בעטן ביי סטעיט-אנגעפירטע פסיכיאטרישע אנשטאלטן. דאס רעכנט אריין פינאנצירונג פאר 25 בעטן פאר פאציענטן וואס זענען טייל פון אן אנגייענדע אויספארשונג וואס גיבט אונטערזוכונגען און באהאנדלונג פאר מענטשן וואס זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם; און דריי נייע 'אריבערגאנג אהיים' (Transition-to-Home) יוניטס – יעדע איינס מיט 25 בעטן – וואס באדינען די וועלכע נויטיגן זיך אין ספעציאליזירטע קעיר, אריינרעכנענדיג מענטשן מיט א פארגאנגענהייט פון זיין פארפלאנטערט מערערע מאל מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם און וואס נויטיגן זיך אין באהאנדלונג אין א פסיכיאטרישע אנשטאלט.

די דורכגעפירטע בודזשעט רעכנט אויך אריין 1 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן געזעץ אינפארסירונג און גייסטישע געזונטהייט קאארדינאציע מאנשאפטן און ברייטערט אויס קריזיס אינטערווענץ מאנשאפט טרענירונג פאר פאליציי אגענטורן און זייערע שותפים, וואס וועט שטופן פאר בעסערע תוצאות ווען געזעץ אינפארסירונג רופט זיך אפ צו א סיטואציע מיט א מענטש מיט באלדיגע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן.

די פינאנצירונג ערגענצט גאווערנער האקול'ס היסטארישע 1 ביליאן דאלארדיגע גייסטישע געזונטהייט פלאן וואס אנערקענט די קשרים צווישן כראנישע היימלאזיגקייט, דראג באנוץ קראנקהייט און ערנסטע גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען און וואס גיבט פריאריטעט פאר קאארדינאציע פון סערוויסעס צו זיכער מאכן אז קיינער פאלט נישט ארויס צווישן די לעכער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן